RADOMER KIELCER LEBEN № 42 (78) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem." [illegible]

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 10 זײַטען.

אדרעסען
פון „ראַדאָמער קעלצער לעבען"

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Kielce, Sienkiewicza 35.

אַנאָנסען פרייז:
איין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ „
„ 18 „ נאָכ'ן „ „

16 października 1925 roku — פאַר'ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטליך. — ראַדאָם פרייטאַג: כ"ח תשרי תרפ"ו


# OGŁOSZENIE

Celem dania możności pracującym w handlu i przemyśle wszechstronnego dokształcenia się, zorganizowane zostały od dnia 12/x r. b. w lokalu gimnazjum **ST. WOLMANOWEJ w Kielcach** (Hyp. 10) Prywatne wieczorowe komplety języków, **historji, geografji, nauk przyrodniczych, nauk handlowych i matematyki.**

**Opłata bardzo niska**

Szczegółowych informacji udziela się w kancelarji gimnazjum w godz. 10—1 i 7—3 wieczorem.

# בעקאַנטמאַכונג.

כדי צו געבען די מעגליכקייט די האנדעל און אינדוסטריע אָנגעשטעלטע צו ערגענצען זיך אין די אַלגעמיינע למודים, האָבען זיך געעפענט דעם 12/x ה. י. אין לאָקאַל פון גימנאַזיום **סט. וואָלמאַנאָווא אין קעלץ** (היפּאָטעטשנא 10) פּריוואַטע אָווענד-קאָמפּלעטען פון שפּראַכען, היסטאָריע, געאָגראַפיע, נאַטור-וויסענשאַפט, האַנדעלס-לעהרע און מאַטעמאַטיק.

**דער אָפּצאָהל איז זעהר נידריג**

גענויע איינצעלהייטען ווערען ערטיילט אין קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום פון 10 ביז 1 און פון 7 ביז 8 אָווענד.

**Z A R Ę C Z E N I**

**Estera Szopówna** — **Piotr Tenenbaum**
Warszawa — Radom

Warszawa, w październiku 1925.

Z okazji zaręczyn
p. **Piotra Tenenbauma**
z p. **Esterą Szopówną**
składa serdeczne życzenia
**Marja Sankiewiczówna, Radom**

**מזל טוב! — — — — — — — מזל טוב!**

צו דער האַכציט פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער פר'ל **לאה בערמאַן** מיט ה' **פּוטערשניט**, וועלכע איז געפייערט געוואָרען אין ארץ ישראל, ווינשען מיר א גליקליכעס צוזאַמענלעבען און זייער צוקונפט זאָל בליהען אויף די בערג פון ציון

מוטער און געשוויסטער **בערמאַן** און פאַמיליע
מ"גדאַלצק, מ"גלות, בענעט, ראדאם

די פערוואַלטונג פון קעלצער קרייז סוחרים—פעראיין מאַכט בעקאַנט, דאָס אום 19־טען און 20-טען אָקטאָבער ה. י. וועט פאָרקומען די קאָנפערענץ פון אַלע פאָרשטעהער פון די סוחרים-פעראייניגען מיט'ן אַנטייל פון ה"ה סענאַטאָר טרוסקער און דעפּוטאַט ווישליצקי, לויט'ן פאָלגענדען סדר: מאָנטאַג דעם 19-טען 10 פריה א בעראַטונג מיט די דעלעגאַטען און פאָרשטעהער פון דער צענטראַלע. אום 7 אָוענד א אַלגעמיינער מיטינג א. ד. ט. 1) דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס אין די הילפס-מיטלען. 2) די שטייערן פראַגע. 3) די פראגע פון ביודזשעט. 4) די צאָל-פראַגע. 5) פרייע פאָרשלאַגען. דינסטאַג דעם 20-טען אָקטאָבער, אינטערוועגן ביי דער מאַכט און עצות.

מיט כבוד די פערוואַלטונג
פון קעלצער קרייז—סוחרים—פעראיין.

# קורסען פאַר טענץ און פלאַסטיק

קיין ראַדאָם איז אָנגעקומען דער פּראָפעסאָר פון האָרעאָגראַפיע, לאַנגיעהריגער לעהרער פון אינלענדישע און אויסלענדישע לעהר-אַנשטאַלטען, געוו. באַלעט-מייסטער פון די וואַרשאַוער טעאַטערן **לוציאַן אָווערלאָ** און געעפענט קורסען פאַר טענץ און פלאַסטיק.

די קורסען בעשטעהען פון:

1) איינטריטס פאָרלעזונגען, וואַלץ, קאָנטרעדאַנס, פּאָלקע.
2) אַלע לעצטע נייע טענץ פון פּאַריז און ווין.
3) נאַציאָנאַלע טענץ (די ספּעציאַליטעט פון לעהרער), מאַזור, אָבערעק, קראַקאָוויאַק און פּאָלאָנעז.

די קאַנצעלאַריע פון די קורסען געפונט זיך אין דער רעסוראַן רזשעמיעלניטשאַ, קילינסקאַ־גאַס 15, פון 5 ביז 8 אזייגער אָווענד, וואו עס ווערען ערטיילט אינפאָרמאַציעס און אָנגענומען איינשרייבונגען.

פאַר דער יודישער קליענטעלע וועלען געעפענט ווערען ספּעציעלע זאַלען אין די לאָקאַלען פון טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" און האָטעל-איראָפּעיסקי.

**חבל על דאבדין ולא משתכחין**

טיף אין טרויער מיט צעבראָכענע הערצער שטעהען מיר פאַר דעם אָפענעם קבר פון אונזער פרעזעס ר' **ראובן אהרן עדעלשטיין** נ"ע וועלכער איז פון אונז אָבגעריסען געוואָרען אין כ"ד תשרי תרפ"ו. דער גרויסער פערלוסט וועט קיינמאָל נישט פערגעסען ווערען, ס'וועט אייביג בלייבן אין אונזערע הערצער.

אין נאָמען פון די גאַלאַנטעריע-בראַנזשע אין קעלץ
קעלץ כ"ד תשרי תרפ"ו
**מ. וואַלדבערג, וואַליש, שאַראַגראַדער און א. באַראַנקעוויץ.**

**טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" ראַדאָם. פעראייניגטע טרופּע פון יודישען אַרטיסטען-פעראיין אין וואַרשאָ.**

מיט'ן אַנטייל פ־ויען: ביאַלקאָוויטש, לובאַרטאָווסקא סעגאַל, צאַם, צווייליך, שפּילמאַן. מענער: ביאַלקאָוויטש, בלאָט, ווינער, וויינבערג, פעלד, צווייליך, שערמאַן.

**לעצטע פאָרשטעלונגען!**

נייעס! צום ערשטען מאָל אין דעם סעזאָהן ווערט אויפגעפיהרט די פּרעהליכע קאָמישע אָפּערעטען.

פרייטאַג דעם 16 ה. ח. 8.30 ווערט געשפּילט די אונשטערבליכע קאָמישע אָפּערעטקע אין 4 אַקטען פון גאָלדפאַדען

# ביידע קונע לעמעל

אַכטונג, ביידע קונע לעמעל ווערען אויסגעפיהרט דורך די ה"ה פעלד, צווייליך

שבת דעם 17 ה. ח. ווערט געשפּילט די ביבלישע אָפּערעטקא אין 4 אַקטען פון לאַטיינער

# לא תחמוד

זונטאַג דעם 18 ה. ח. צום ערשטען מאָהל אין דעם סעזאָהן ווערט געשפּילט די באַוואוסטע פּיעסע אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדאָן

# די שחיטה

אין פאָרבערייטונג: טאָג און נאַכט, 2) די פערגעסענע מאַמע, 3) בלינד אויס ליבע

געשעפטס-פיהרער: לייכטער. סופלער: בלאָט.

בלייבט שוין נישט אפילו אויף א שטיקעל טריקען ברויט און א סך אָרימע לייט ווערען אזוי בע'עולה'ט מיט די שטייער בעלאַסטונגען, אַז עס בלייבט זיי אוממעגליך אויף אַזעלכע צו פערדינען, ווען זיי זאָלען זאָגאַר אַרבייטען מיט אַלע כחות, דען שליסליך איז נישטאָ ביי וואָס און ביי וועמען צו אַרבייטען.

און שטייערען האָבען מיר אַלערליי, מיר האָבען פערשיעדענע, פערשיעדענע רעגירונגס שטייערען, יודישע שטייערען, דאַן זענען דאָ לאָקאַלע, קאָמונאַלע שטייערען, וועלכע ווערען אויף אונז אַרויפגעלייגט דורכ'ן מאַגיסטראַט.

האָט יעצט די ראַדאָמער בעפעלקערונג בעקומען מיט איין מאָל ס"ה דריי שטייערען צו בעצאָהלען: איינער א רעגירונגס-שטייער פון אומזאץ פאַר'ן האַלבען יאָר פין 1925, וועלכער איז גרעסער ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, נישט קוקענדיג וואָס די סוחרים האָבען זייערע געשעפטען פערוואַנדעלט אין שלאָף-צימערען... א צווייטער—פון דער גמינע. און צום סוף ווערט פונאנדערגעצעיקט דער וואָנונגס-שטייער פון מאַגיסטראַט.

מיט'ן לעצטען שטייער ווערט בעלאַסטעט יעדער לאָקאַטאָר לויט דער נאָרמע פון דער דירה פין יאָהר 1914.

אזוי זאָגען די פאָרשריפטען פון מאַגיסטראַט, אַז דער פראַצענט פין וואָהנונגס שטייער דאַרף אבגישאַצט ווערען לויט דער נאָרמע פין דירה געלד וואָס איז געגאַנגען אין יאָהר 1914

עס שטעלט זיך אבער די פראַגע צי די שאַצונגס קאָמיסיע ביים מאַגיסטראַט האָט פאַקטיש די מעגליכקייט צו זיין גענוי אונפאָרמירט דורך פעסטגעשטעלטע ציפערען, אַז די שטייערען, וואָס ווערען דורך איהם א'ויפגעלעגט אויף אלע שטאָדטישע איינוואָהנער, ענטשפרעכען די ווירקליכע גרויס פין דירה-געלד לויט'ן יאָהר 1914.

גראד אין דעם איז פאַרהאַן א גענוגענדער גרונד צו זיין מסופק. נאָך אזא אינאַרמאַלקייט און האָאס אין די מלחמה-יאָהרען, איז אזא זאַך נישט גרינג געווען פעסטצושטעלען און דערפאַר זענען פיל דירות נישט ריכטיג אויפגעגעבען וויפיל זיי זענען באמת געגאַנגען אין יאָהר 1914, אין דער הינזיכט זענען פיל מיספערשטענדענישען פאָרגעקומען. א סך לאָקאַטאָרען געדענקען נישט וויפיל זיי האָבען געצאָהלט אין 1914 יאָהר; א טהייל ווידער האבען די היינטיגע דירות נישט בצוואוינט אין 14—טען יאהר און זיי ווייסען במילא נישט וויפיל ס'איז דאמאלס געווען די פרייז פון זייערע דירות.

דער מאַגיסטראַט האָט פאַר זיך פאַרגעשטעלטע ציפערין און לויט זיי שאַצט ער די וואָהנונגס-שטייערען, פאַר איהם זענען אזעלכע ציפערין מ א ס ג ע ב ע נ ד און דעווייל קענ'ן אריינטרעפען די נאַקאזען מיעשקאַניאַווי אויף צעהנער זלאָט. אין אַזעלכע אָרימע שטובען, קעלער אָדער בוידעמס, וועלכע האָבען בכך הכל געצאָהלט צו עטליכע צעהנדליג רובעל א יאָהר דירה געלד, א סומע לויט די ענטשפרעכענדע שטייער-אָרגאַנען, וועלכע די וואוינונג'ס שטייער ברויך זיין בעדייטענד קלענער.

ס'איז בעזונדערס אינטערעסאַנט צו וויסען, צי דער שטאָדט-ראַט, וועלכער ברויכט פריהער פאַר אַלעם געבען זיין הסכם, אויף אַלע שטייער-ענינים, וואָס דער מאַגיסטראַט פיהרט דורך, האָט די פראַגע גענומען ערנסט און צי ער האָט די אויבען-אַנגעמערקטע דירה-קאַלקולאַציע גענומען אין בעטראַכט.

עס איז מעהר ווי זיכער, אַז ווען מען זאָל דערויף אויפמערקזאַם מאַכען וועט מען איבעראַל ענטפערען, אַז די פראַגע איז צו-פיעל קאָמפליצירט און אַז עס איז שווער פעסטצושטעלען גענוי די ריכטיגע נאָרמע פון דירה-געלד לויט'ן יאָהר 1914. מיר ווייסען פאָראויס פון אַזאַ ענטפער, דערווייל אָבער מאָהנט מען דעם שטייער, וואָס מען מוז טאַקי בעצאָהלען.

וואָס טויג אונזער יושר'דיגע בוכהאַלטעריע, אַז די מאיעסטעטין מאַטעמאַטיק מיטאיה'רע ציפערדיגע אָרמעען האָבען דאָס וואָרט...

ב. צווייג.


# פאַראַט נישט אונזער האַנדלס-בילאַנס!!!

פאָדערט איינלענדישע אויסאַרבייטונגען אנשטאַט אויסלענדישע

פאַבריקס-מאַרקע

„PEPEGE" קאַלאָשן



זענען די דויערהאַפטסטע



„PEPEGE" באָטן

ציכענען זיך אויס מיט זייער עלעגאַנץ

„PEPEGE" ספּאָרט—שיך זענען די פּראַקטישסטע

„PEPEGE" Polski Przemysł Gumowy T. A. w Grudziądzu,

פאָלגענדע ראַדאָמער פירמעס האָבען זיך פאַרפליכטעט צו פאַציען גומי—שיך

נאָר פון איינלענדישער אויסאַרבייטונג

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| ה. באַנקער | לובלינער | 12 | ג. ראָזענבלום | לובלינער | 21 |
| מ. לובינסקאַ | „ | 28 | י. סאָלבע | „ | 25 |
| ס. מאַזורקעוויטש | „ | 19 | י. טענענבוים | „ | 23 |
| מ. י. נירענבערג | „ | 1 | פ. זילבערבערג | וואַרשאַווסקאַ | 2 |
| וול. רעגענט | „ | 22 | | | |


# „דער שידלאָווצער חבא" וואָס איז אויף „דר" מיט ווייצמאַנען *)

דער זשורנאַליסט ד"ר דינעמאַן, וואָס איז געווען אַנוועזענד אויפ'ן לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס גיט איצט איבער אין „ניי'עם לעבען" איינינגע אינטערעסאַנטע בילדער פון „טיפּען", וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צום קאָנגרעס, אין וועלכע האָבען דאָך געצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דעלעגאַטען און געסט. אָט איז א בילד פון איינעם פון דאָזיגע טיפּען:

אויפ'ן קאָנגרעס האָט מען בעמערקט אויף דער זשורנאַליסטען-באַנק א משונה'דיגען „זשורנאַליסט" א הויכע ברוטאַלע געשטאַלט מיט'ן פּרצוף פון א חזיר-טרייבער, א מאַסיווער פנים אָן א ניצוץ פין אינטעליגענץ. אַפילו די פּאָר דיפּלאָמאַטישע ברילען גיבען נישט צו דעם דאָזיגען פנים אַביסעלע גייסט. א פּאָר גרויסע לאַפּעס, כמו שכתוב. אָן אידעאַלער טיפּ פון א

קאמיסיע. אויפן ארט פון דער געשעהעניש, פון וואנען מען האט דעם פערווינדעטען פאליציאנט, ווי אויך די דריי אנפאלער אוועקגעפיהרט אין פוילישען שפיטאל.

די אנפאלער וועלען נאכ'ן געזונד ווערען, געשטעלט ווערען פארן געריכט.

## קאמוניסטישער פראצעס פון 11 ראדאמער יונגעלייט.

אין היגען קרייז-געריכט האט זיך היינטיגען מיטוואך אנגעהויבען דער פראצעס פון 11 ראדאמער יונגעלייט, וועלכע ווערען בעשולדיגט לויט'ן ארטיקעל 126 פון שטראף-קאדעקס, ס'הייסט פאר אנגעהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי. א טייל פון די אנגעקלאגטע זענען מיט א געוויסע צייט צוריק ארעסטירט געווארען אין דער ביבליאטעק אויפ'ן נאמען פון י. ל. פרץ צום פראצעס זענען ארויסגערופען 92 עדות און אלס זאך-קענער די ה"ה סנארסקי און ד"ר י. שיפער פון ווארשא.

די נעמען פון די בעשולדיגטע זענען פאלגענדע: בנימין זוואלינסקי, יודעל מאצקין, חיים מאיר ריכטמאן, מאריץ ווייספעלנער, יצחק האפמאן, מרדכי פלאמענקינד, מאיר זילבערשפיץ, פסח טייכמאן, לייבוש דאווידזאן, בינם רוטמאן און אסתר בוימאן. די לעצטע זעקס זענען בעפרייט געווארען אויף קויציע פון ארעסט.

אלס פערטיידיגער זענען ארויסגעטרעטען די בעוואוסטע ווארשאווער אדוואקאטען: שמיראווסקי, ליבערמאן (דעפוטאט פון פ. פ. ס.) און ראטמאן צהרליך און די בעקאנטע אדוואקאטען פון ראדאם ד"ר מעער און וואשילעווסקי

בשעת דאס אויסרופען די עדות איז געמאלדען געווארען, אז דער עדות מצד דער בעשולדיגונג, ה' בזשעזשינסקי, האט זיך צום פראצעס נישט געשטעלט צוליב דעם, וואס ער געפינט זיך נישט לויט דעם אויפגעגעבענעם אדרעס, פילסודסקי 16. דאס נוצט אויס אדוואקאט שמיראוויסקי, וועלכער ערקלערט, אז צוליב דעם, וואס דער עדות בזשעזשינסקי איז נישט געקומען, קען זיין שריפטליכע עדות-זאגען נישט פארגעליינט ווערען פאר'ן געריכט, ה' שמיראוויסקי לעגט פאר צו רופען דעם הויז-אדמיניסטראטאר פון יענעם הויז, וועלכער זאל פעסטשטעלען צי אין זיין הויז האט געוואהנט אזא פערזאן. דעם פארשלאג שטיצט אויך אונטער אדוו. ליבערמאן, וועלכער גיעט נאך צו, אז א חוץ דעם אדמיניסטראטאר, זאל מען אויך רופען דעם הויז-וועכטער, וועלכער זאל ברענגען אין געריכט די מעלדונקאווע ביכער. דער פראקוראר זאגט זיך ארויס געגען דעם מאטיווירענדיג. אז יעדער איינציגער עדות, וואס שטעלט זיך פאר דער אויספארשונגס-מאכט, ווערט פריהער לעגיטימירט און ס'קען בפילא קיין רייד נישט זיין וועגען וועלכען ס'איז טעות.

די ריכטער געהען זיך אריין בעראטען און ס ווערט דערנאך ערקלערט, אז דער פארשלאג פון דער פערטיידיגונג ווערט גענומען אין אכט און פערארדענט די פאליציי זאל אויפזוכען דעם ה' בזשעזשינסקי און דערפאר. וואס דאס ברויך פערנעמען א געוויסע צייט, ערקלערט דאס געריכט, אז דער פראצעס ווערט דעריבער אבגעלעגט. די ביטע פון די פערטיידיגער צו בעפרייען די ארעסטירטע אויף קויציע, ווערט דורכ'ן געריכט אבגעוואָרפען.

⊙⊙⊙⊙

## געוואלט איבערקויפן דעם לייטער פון דער פאליטישער פאליציי.

אין דער מיטוואכדיגער „סלאווא" ווערט צווישען אנדערע פרטים אין צוזאמענהאנג מיטן לעצטען קאמוניסטישען פראצעס, געבראכט א ידיעה, אז דער פאטער פון בעשולדיגטען ריכטמאן און נאך אנדערע יודען האבן פאר'ן פראצעס זיך בעמיהט איבערצוקויפען בעאמטע פון דער פאליטישער פאליציי, זיי זאלען צוריקציהען און איבעראנדערשען די בעשולדיגונג לטובת די בעשולדיגטע. אלס האנד— געלד איז געווארען געגעבען א בעדייטענדע סומע און ס'איז נאך צוגעזאגט געווארען 1,000 דאלאר דעם לייטער פון דער פאליטישער עקספאזעטור און אנדערע בעאמטע. לויט ווי די „סלאווא" גיט ווייטער איבער, איז די גאנצע זאך ענטדעקט געווארען און דורך עדות פראטאקאלירט געווארען אין דער פאליטישער עקספאזיטור.

## פון האנדווערקער-לעבען אין ראדאם.

היינטיגען זונטאג איז אין האנדווערקער-קלוב פארגעקומע א בעריכטספערזאמלונג פון די היגע דעלעגאטען, וועלכע האבען אנטייל גענומען אויפ'ן האנדווערקער-קאנגרעס אין ווארשא חומ"ס.

די הערען דעלעגאטען: ברילאנט, האך, העלפאנט, ח. קא־מאן, סטראוויטשינסקי, בערקאוויטש און וויינגארט האבען איבערגעגעבען אינטערעסאנטע פרטים פון קאנגרעס.

אויף דער זעלבער זיצונג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון ה' האך צוזאמכען א האנדווערקער פאהן פאר דער היגע ארגאניזאציע. ה' מאגנישעווסקי לייגט פאר צו בעשטעטיגען דעם בעשלוס פון דער פערוואלטונג, אז אלע אויסגעשלאסענע און ארויסגעטרעטענע מיטגלידער פון קלוב, קענען אהן שום שוועריגקייטען אנגענומען ווערען אין קלוב.

## פארלעזונג פון ד"ר שענדעראוויטש

אין לאקאל פון סוחרים—פעראיין, איז איינגעארדענט געווארען דורך דער היגער בר-כוכבא א פארלעזונג פון ד"ר שענדעראוויטש א. ד. ט. „היגיעניע און ספארט" גענויער וועגען דער פארלעזונג קענען מיר נישט מיטטיילען, מחמת די פארלעזונג האט געטראגען כמעט א אינטים-פריוואטען חאראקטער און מ'האט אפילו נישט געפינען פאר נויטיג בעקאנט צו מאכען דער פרעסע.

## אנפאנג קורסען פאר קינדער

די בעקאנטע לעהרערין, פרוי האלצקענער, האט דעם 15 ה. ח. געעפענט אין אייגענעם לאקאל לובלינער 61 קורסען פאר קינדער, וואס ענטשפרעכען די למודים פון א פאדווסטעמפני, ווסטעמפני און ערשטע קלאס גימנאזיום.


# בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט דאס ג' פובליקום פון ראדאם און אומגעגענד דאס מיין מאנופאקטור געשעפט איז יעצט פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון דאמען און מענער שטאף צו קאסטיומען און פאלטאס, זיידע, פליש-קאטיק אינלענדישע און אויסלענדישע. בעט-דעקין פלושענע וואלענע, פיקענע און אנדערע. גארדינען וואטע-דעקין, קאצען, מעביל שטאף אויך לייוועגט אלע סארטען. טיכער און פלעטלעך פיאסקאוסקיס א. א. אלעס צו קאנקורענץ פרייזען.

מיט אכטונג

**מ. הירשזאהן**

(פריער ה. גרין)

ראדאם, לובלינער 7

# בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט, דאס איך האב זיך געעפענט א געשעפט (וואָל 2 רוג רוויינסקי) מיט אלערארט עלעקטרישע ארטיקלען ווי: אלע סארטען זשארובקעס און לאמפען.

איך פערקויף אלץ צו קאנקורענץפרייזען.

**מ. ווערטהיים**

ראדאם

וואָל 2 רוג רוויינסקא

# אכטונג עלטערן

נור פאר 50—1 א וואך קען יעדער פאטער פערשרייבען זיין קינד אויף מיינע נייע — געעפענטע **תנ"ך קורסען** ווי יעדעס קינד האט די מעגליכקייט איינציגע שעה אין טאג צו לערנען אלע יודישע למודים, וועלכע זענען נויטיג יעדען קינד צו קענען אלס יוד און אלס מענש ווי צב"ש חומש — רש"י נ"ך, הפטרה אויף יעדען שבת שרייבען העברעאיש און יודיש. אויך פאר מיידלען איז רעזערווירט בעזונדער נ"מ שעה'ן צו לערנען גוט עברי' שרייבען יודיש אין העברעאיש, שטיצענדיג זיך אויף מיין לאנג יעהריגע פראקטיק אין דעם פאך בין איך זיכער אז די עלטערן וועלען צופרידען זיין, פערשרייבען קען מען יעדען טאג פון 10—12

ברגשי כבוד

**ש. פייגאלד** ראדאם לובלינער 3

רעכטע אפיצינע. לעצטען איינגאנג

# וואס הערט זיך אין קעלץ.

## פון שטאדט-ראט.

נאך א לאנגע הפסקה איז די טעג פארגעקומען א זיצונג, אויף וועלכער עס זענען בעהאנדעלט געווארען פערשידענע אקטועלע ענינים. ס'איז אבער געווארפען געווארען די ביטע פון עטליכע יודישע קליינהענדלער, וועלכע האבען זיך געווענדעט צום מאגיסטראט צו ערלויבען זיי צו שטעהן פרייטאג אויפ'ן מארק-פלאץ מיט פערשידענע סחורות.

עס איז אפילו נישט געווען, ווער עס זאל די קליינהענדלער פערטיידיגען, די יודישע ראטמענער האלטען נישט פאר נויטיג צו קומען אויף די זיצונג.

## חנוכת הבית-פייערונג ביים „מזרחי".

מיטוואך איז אין גרויס בעדינגונגען לאקאל פארגעקומען דער חנוכת הבית פון „מזרחי" אין קעלץ. די פייערונג, אויף וועלכער עס איז געקומען א גרויסער עולם האט געטראגען א זעהר אימפאזאנטען כאראקטער. נאכדעם ווי דער וויצע-פארזיצענדער פון „מזרחי" ה' ש. ראזענבלום האט געעפענט די פייערליכע זיצונג, האבען בעגריסט די ה"ה: א. מ. ווייזמאן — אין נאמען פון דער קהלה, ה' ד"ר סערוועטניק אין נאמען פון קרן-היסוד קאמיטעט, אין נאמען פון האנדווערקער-פעראיין ה' זעלצער, אין נאמען פון קק"ל ה' בורשטין, אין נאמען פון צ. ק. פון „מזרחי" פ"ר פאפאווסקא, פון צעירי מזרחי ה' פערל, פון חלוץ המזרחי ראפאפארט א. א.

ס'האבען אויך רעפערירט וועגען דער בעדייטונג פון „מזרחי" פאר'ן רעליגיעזען יודענטהום, די ה"ה ציטרין און זילבערשטיין. די שטימונג אויף דער פייערונג איז געווען א געהויבענע און דער עולם האט זעהר געמיטליך פערברענגט א שיינע פאר שעה.

## ראובן אהרן עדעלשטיין ז"ל.

זונטאג דעם לעצטען טאג סכות איז נאך א שווערער און לאנג דויערענדער קרענק געשטארבען דער היגער בעקאנטער סוחר און כלל-טוער ר' אהרן ראובן עדעלשטיין ז"ל, וועלכער איז געווען אין קעלץ איינער פון די אנגעזעהנסטע און חשובע געזעלשאפטליכע טוער'ס, זייענדיג א לאנגע צייט פרעזעס פון דעם היגען סוחרים-פעראיין האט ער פיעל מיה און צייט אבגעגעבען פאר דער אינסטיטוציע און זיך אפט מוסר נפש געווען ווען עס איז געגאנגען וועגען דער עקזיסטענץ פון א יודישען סוחר. צו דער לויה זענען געקומען איהם אבגעבען דעם לעצטען כבוד פיל הונדערטער מענשען, אויפן בית עולם האבען איהם מספיד געווען: דער רב, דער פרעזעס פון סוחרים-פעראיין ה' הערמאן לעווי און דער וויצע פארזיצענדער פון דער יודישע קהלה ה' דוד ראזענבערג.

תנצב"ה.

## פערענדיגט דעם שטרייק.

דער שטרייק וועלכער איז אויסגעבראכען אין דער שולע פון פ'ר. זימנאווא צוליב דעם וואס די איינגעטימערען האט געוואלט פערקלענערען דעם לעהרער פערסאנאל די פענסיעס — איז די טעג פערענדיגט געווארען.

די ליידונג פון די שולע איז איבערגעגאנגען אין די הענד פון לעהרער פערסאנאל, וועלכער האט זיך פערפליכטעט אויסצוצאהלען דער פר" זימנאווא 600 זל. א חודש און די רעשט צווישען זיך פראפארציאנעל צו צוטיילען.

## פארלעזונג פון לעא פינקעלשטיין אין האנדווערקער-פעראיין.

די קולטור-קאמיסיע ביים היגען האנדווערקער-פעראיין איז צוגעטרעטען איינצוארדנען פאר זיינע מיטגלידער א ציקל פארלעזונגען. די ערשטע פארלעזונג א. ד. ט. „דאסטאיעווסקי און ניטשע" איז געלעזען געווארען דורך דעם בעקאנטען שריפטשטעלער לעא פינקעלשטיין. דאס פובליקום האט מיט בעגייסטערונג אויסגעהערט דעם אינטערעסאנטען פארטראג און ווארים געדאנקט דעם פרעלעגענט, וועלכער שטאמט אגב פון ראדאם און האט פיעל יאהרען געוואוינט אין קעלץ.

## חנוכת הבית פון „השומר הצעיר" אין קעלץ.

מאנטאג דעם ערשטען טאג חוה"מ סכות איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען א חנוכת הבית מיטן אנוועזענהייט פון די ווארשאווער אנפירערשאפט, שושנה מושקאטבליט, דעלעגאטען פון ראדאם, יעדרזשעוו.

דאס ערשטע ווארט האט בעקומען דער פרעזעס פון פאטראנאט, ה' ראזענבערג, וועלכער האט ערקלערט וואס פאר א בעדייטונג עס האט דער השומר און וואס קאן דער „השומר" געבען די יוגענד. דאן האט בעגריסט אין נאמען פון די ווארשאווער אנפירערשאפט, שושנה מושקאטבליט, וועלכע האט צווישען אנדערעס געדאנקט דעם פאטראנאט פאר זיין ארבייט לטובת דעם קעלצער „השומר" ווי אויך אויסגעדריקט א דאנק די אנפיהרער פאר זייער איבערגעבענהייט לטובת דער ארגאניזאציע.

נאכהער איז פארגעקומען דעקלאמאציעס געזאנג און פערשידענע בעגריסונגען.

## קורסען פאר האנדעל'ס און אינדוסטריע-אנגעשטעלטע.

אין לאקאל פון וואלמאנאווא'ס גימנאזיום האבען זיך היינטיגע וואך געעפענט פריוואטע אווענד-קורסען פאר האנדעלס און אינדוסטריע-אנגעשטעלטע. אויף די קורסען ווערען געלערענט שפראכען, היסטאריע, נאטור וויסענשאפט, געאגראפיע, האנדעלס-לעהרע און מאטעמאטיק. דער אפצאהל איז א מינימאלער.

## די אקציע פאר די יודישע פאלקס-שולען אין פוילען.

מאנטאג דעם 12 אקטאבער האט זיך אין קעלץ אנגעהויבען די אקציע לטובת דעם יודישען שול וועזען, וועלכער איז ארגאניזירט געווארען דורך א ספעציעלען קאמיטעט, אין וועלכען עס זענען אריינגעגאנגען די קולטור-סעקציע פון דעם האנדווערקער-פעראיין אין קעלץ און די ה"ה ד"ר סערוועטניק, ווינצווייג און אנדערע. עס איז צו שטאנד געקומען א ספעציעלע טעכנישע קאמיסיע, וועלכע האט בעדארפט אנפיהרען מיט דער גאנצער ארבייט, ווי צוטיילען די זאמעל בויגענס, די קלעב-בעטלען, דורכפיהרען דאס בלימעל פערקויף דעם 15-טען ד. מ. איינארדנען א גאנצע רייה פארלעזונגען וועגען דער בעדייטונג פון די יודישע פאלקס שולען און די אויפגאבע צו שאפען איבעראל פאלקס-שולען מיט דער יודישער אונטערריכטס-שפראך.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דערמאנטער אקציע, איז פארגעקומען אין לאקאל פון האנדווערקער-פעראיין א קאלעקטיווער מיטינג, אויף וועלכען ס'זענען ארויסגעטרעטען די ה"ה לעא פינקעלשטיין, אייזענבערג, סערוועטניק א. א.

## „קרן—היסוד" קאנפערענץ.

אין קורצען קומט אין קעלץ פאר א קאנפערענץ פון די „קרן-היסוד" קאמיטעטען פון דעם גאנצען קעלצער קרייז. אין דער קאנפערענץ, אויף וועלכער עס וועלען ארומגערעדט ווערען פערשידענע פראגען, וועלכע זענען פערבינדען מיט דער נייער פארשטעהענדער אקציע וועלען זיך בעטייליגען פארשטעהער פון דער ווארשאווער צענטראלע.

Kino „CZARY" w Radomiu.
Od czwartku 15 października do 18 włącznie.
„POPIOŁY ZEMSTY" (dramat w 2 serjach-12 aktach) całość w jednym programie, w rolach głównych Norma Talmadge, Conwaj Tearle, ulubieniec płci pięknej Wallace Beery, i Baby Peggy

Zakład frebiowski mieszczący się dotychczas przy ul. Piłsudskiego № 15, został przeniesiony na ul. Lubelską № 21 II piętro front i podając do wiadomości Sz. Rodziców, że zapisy przyjmowane są codziennie od 12—2 p. p.

Dla starszych dzieci nauka przygotowawcza. Jednocześnie zawiadamiamy, że zaprowadzamy w szkole naszej język hebrajski w szerszym zakresie, oraz gimnastykę rytmiczną i szwedzką. Fortepian w lokalu szkolnym.

S. Kirszenbaumówna
M. Denówna.

# מודעה ואזהרה

אזוי ווי ס'איז דורכן ראבינאט פעסטגעשטעלט געווארען, דאס דאס דער קצב בערעל ווייסבארד, וועלכען מען רופט בערעל בולאק, וואס האט א טיש אויף דער רייטשול, האט פערקויפט דער פרוי דינה האנאווער (ראנסקא 13) טרפה פלייש פאר כשר'ס, ווערט בעקאנטגעמאכט, אז מען טאר נישט קויפען ביי איהם קיין כשר פלייש ביז א ווייטערדיגע מודעה פון ראבינאט.

הרבינאט דפה ראדום.

Kino „Pani"
Kielce, Sienkiewicza 17.

Dziś po raz ostatni!
Wallace Reid, Glorja Swanson, Wanda Hawley, Bebe Daniels w wspaniałym filmie w 10-ciu aktach
Dwie serje razem p. t.
POCIESZYCIEL KOBIET
NAD PROGRAM
*Pierwsze Wielkie Manewry Polskie*

ANONS!
Wkrótce ukażą się dwa wielkie szlagiery
*SCARAMOUCHE*
z Alice Terry i Ramon Navarro
*Biała siostra* z Liljana Gish.

Szkoła frebiowska E. GOSTYŃSKIEJ
przy ORGANIZACJI SJONISTYCZNEJ w Radomiu
Lubelska 25 przyjmuje jeszcze dzieci w wieku od 4—7 lat.
Zapisy odbywają się codziennie w kancelarji zakładu od godz. 11—1

די פרעבעל-שולע פון ע. גאסטינסקא
ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע
אין ראדאם לובלינער 25
מאכט בעקאנט, אז עס ווערן נאך צוגענומען קינדער אין עלטער פון 4—7 יאהר
די איינשרייבונגען קומען פאר טעגליך אין דער קאנצעלאריע פון 11—1 בייטאג

WĘGIEL
z kopalni „Flora" produkującej węgiel w najlepszym gatunku i należący do pierwszej klasy NA TONNY I DETALICZNIE z dostawą do piwnic bez osobnej dopłaty PO NAJNIŻSZYCH CENACH KONKURENCYJNYCH poleca
KAZIMIERZ BIAŁKOWSKI
Radom, plac własny między Kościelna a Szeroką.

Kino „PHENOMEN"
KIELCE.

פון היינט פרייטאג און ווערט דעמאנסטרירט
דאס וועלט—בעריהמטע מייסטער—ווערק
די פרוי מיט א אנדערן געוויסען
א ערשטקלאסיגער לעבענס—דראמאט אין 10 גרויסע אקטען
אין די הויפט—ראל לילי דאגאווער.

KINO „ODEON"
w Radomiu
Od Czwartku 15 do 18 października

Demonstrować będziemy obraz, który wyświetlany w Warszawie w 2 kinach jednocześnie cieszył się szalonem powodzeniem
LOT na OKOŁO ŚWIATA
w roli głównej ulubienica Ellen Rychter

פון א נעבען פארדינסט
שפענדען מיר 20 גילדען לטובת דעם ראדאמער יתומים-הויז און 20 גילדען פאר א אנגעוויזענעם געפאלענעם פערזאן.
אדאלף און סאלע
ווינאגראדזקיס
ראדאם, וויסאקא 48

צאהן-ארצט
ל. לעווין
רובינליכט
פילסודסקעגאס שטראסע 14
נעהמט אן פון 10—2 און 4—6 נ. מ.

דער אויפזיכטס—ראט און די פערוואלטונג פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם, דריקען אויס איהר טיפען צער און מיטגעפיהל דער פאמיליע פון
ה' ר. עדעלשטיין ז"ל
וויי אויך דעם סוחרים—פעראיין אין קעלץ, צוליב דעם טויט פון אונפערגעסליכען פרעזעס און כלל—טהוער.

די קולטור קאמיסיע ביים האנטווערקער קלוב מעלדעט דאס צוזאמענדיג פון דעם פרייטאג-צונאכטס און ווצלען פארקומען סיסטעמאטישע פארלעזונגען יעדן פרייטיק צו-נאכטס. די פארלעזונגען וועלען זיך אנהויבען 7.30 אוונד
די קולטור-קאמיסיע.

Udziela lekcji języka NIEMIECKIEGO
Inżynier WOJCIECH WŁODEK
ul. Lubelska 58 II-gie piętro

צאהן-דאקטארין
ה. ראקאטש
האט זיך איבערגעצויגען אויף שוואקא 7.
און נעמט ווידער אן קראנקע.

פאראונע לאושעינע פרייטאג און שבת
היגעניש און אנגענעם אין האטעל איראפעיסקי


Redaktor i Wydawca CH. M. Herc — Odbito we własnej drukarni „Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska № 20